אַז, אויב מעגלעך, די שעה זאָל אים פֿאַראיבערגיין.
36 און האָט געזאָגט: אַבאָ, פֿאָטער, אַלץ איז מעגלעך
פֿאַר דיר; נעם פֿון מיר אַוועק דעם דאָזיקן
בעכער! דאָך נישט וואָס איך וויל, נאָר וואָס דו
37 ווילסט. און ער קומט, און געפֿינט זיי שלאָפֿן,
און זאָגט צו פּעטרוסן: שמעון, דו שלאָפֿסט? ביסט
נישט אימשטאַנד געווען איין שעה וואַך צו בלייבן?
38 וואַכט און טוט תּפֿילה, כּדי איר זאָלט נישט קומען
צו קיין נסיון; דער גייסט איז טאַקע וויליק, דאָס
39 פֿלייש איז אָבער שוואַך! און ער איז ווידער
אַוועקגעגאַנגען, און תּפֿילה געטון, זאָגנדיק די
40 זעלביקע ווערטער. און ווען ער איז צוריקגעקומען,
האָט ער זיי ווידער געפֿונען שלאָפֿן, וואָרום זייערע
אויגן זענען געווען שווער; און זיי האָבן נישט
41 געוואוסט וואָס אים צו ענטפֿערן. און ער קומט
צום דריטן מאָל, און זאָגט צו זיי: שלאָפֿט ווייטער,
און רוט זיך אויס! עס איז גענוג; עס איז געקומען
די שעה; זע, דער בן־אדם ווערט איבערגעגעבן
42 צו חוטאים אין די הענט אַריין. שטייט אויף, לאָמיר
גיין; זע, מיין פֿאַררעטער איז שוין נאָענט!
43 און גלייך, בשעת ער האָט נאָך גערעדט, קומט
יהודה, איינער פֿון די צוועלף, און מיט אים אַ המון
מיט שווערדן און שטאַנגען, פֿון די הויפּט־כּהנים
44 און סופֿרים און זקנים. און זיין פֿאַררעטער האָט
זיי געגעבן אַ צייכן, אַזוי צו זאָגן: וועמען איך
וועל אַ קוש טון, דער איז עס; נעמט אים, און פֿירט
45 אים אָפּ זיכער. און ווען ער איז געקומען, איז
ער גלייך צוגעגאַנגען צו אים, און זאָגט: רבי!
46 און האָט אים געקושט. און זיי האָבן אַרויפֿגעלייגט
די הענט אויף אים, און האָבן אים געפֿאַנגען גענומען.
47 איינער אָבער פֿון די, וואָס זענען געשטאַנען דערביי,